# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

404 | פרשת וירא | תשפ״ב

## פניני אמונים — פערל ווערטער אויף אמן און דאווענען אין די פרשה

### א תפילה אויף הכנסת אורחים

"וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ" (יח ח)

דער לשון הפסוק 'עֹמֵד' טייטש **רבי ישעיה פון פשעדבארז**, א תלמיד פון חוזה מלובלין, לויט וואס חז"ל זאגן (ברכות ו ב) "אין עמידה אלא תפילה": אברהם אבינו - דער עמוד החסד - האט געדאווענט צו השי"ת ער זאל זוכה זיין צו קענען מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים ווי עס דארף צו זיין - אז זיינע געסט זאלן גלוסטן די עסן וואס ער וועט זיי דערלאנגען, און ער זאל האבן גענונג עסן צו קענען געבן פאר אנדערע.

'אוצרות החן' [לרנ"ג ווײנטרויב]

### לוט האט מתקן געווען תפילת ותיקין

"וַיֹּאמֶר לוֹט אֲלֵהֶם אַל נָא אֲדֹנָי; הִנֵּה נָא מָצָא עַבְדְּךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ וַתַּגְדֵּל חַסְדְּךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי לְהַחֲיוֹת אֶת נַפְשִׁי וְאָנֹכִי לֹא אוּכַל לְהִמָּלֵט הָהָרָה פֶּן תִּדְבָּקַנִי הָרָעָה וָמַתִּי" (יט יח-יט)

עס איז באקאנט וואס די חכמים זאגן (ברכות כו ב): "תפלות אבות תקנום", שרייבט דער אבודרהם (תיקון התפילות) אז אין די צווייטע אות פון די נאמען פון די אבות, איז מרומז די תפילה וואס זיי האבן מתקן געווען: 'אברהם' - בוקר, 'יצחק' - צהרים, 'יעקב' - ערב. אויף דעם האט דער 'חידושי הרי"ם' צוגעלייגט און געזאגט אז תפילת 'ותיקין' האט לוט מתקן געווען, און ס'איז אויך מרומז אין די צווייטע אות פון זיין נאמען: 'לוט' - ותיקין.

**רבי שאול משה זילבערמאן** אב"ד ווירשאוו ברענגט צו דעם א ראי', רש"י זאגט (אזוי אויך אין תרגום יונתן) אז ווען לוט האט געזאגט: "**הנה נא** מצא עבדך..." האט לוט געדאווענט צו ה' ער זאל נישט איבערדרייען צוער כדי ער זאל זיך קענען אהין ראטעווען. און די תפילה וואס איז טאקע אנגענומען געווארן, האט לוט געדאווענט ביי די נץ, וואס דאס איז די צייט פון תפילת ותיקין, אזוי ווי עס שטייט (פס' כג) "הַשֶּׁמֶשׁ יָצָא עַל הָאָרֶץ וְלוֹט בָּא צֹעֲרָה".

הערות הגרש"מ בראש ספר 'פרדס יוסף' ח"ב

### א תפילה פון א נאנטן ווערט מער אנגענומען

"וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה נָשָׂאתִי פָנֶיךָ גַּם לַדָּבָר הַזֶּה לְבִלְתִּי הָפְכִּי אֶת הָעִיר" (יט כא)

### די ברכות וועלן באגלייטן לעתיד לבוא

"וַיִּטַּע אֶשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה' אֵ-ל עוֹלָם" (כא לג)

די חכמים קריגן זיך (סוטה י א, הובא ברש"י) אין די טייטש פון די ווארט 'אשל', עס זענען דא וואס טייטשן 'פרדס' און עס זענען דא וואס טייטשן 'פונדק' א האטעל. רש"י (סוטה שם ד"ה פונדק) ערקלערט אז דער וואס האלט אז 'אשל' איז א פונדק, איז עס געבויעט אויף די ראשי תיבות: "אכילה שתיה לויה", ווייל אין די 'פונדק' וואס אברהם האט געבויעט האט ער געגעבן עסן און טרינקען פאר זיינע געסט און שפעטער האט ער זיי באגלייט. די המשך פון דער פסוק: "וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם ה'" טייטשן די חכמים (שם ב, הובא ברש"י) אז דורך די 'אשל' האט אברהם צוגעברענגט אז אלע האבן גערופן השי"ת'ס נאמען. ווייל ווען זיינע געסט האבן אים געוואלט דאנקען און לויבן נאכן עסן און טרינקען, האט ער זיי געזאגט: "ענק האבן דען געגעסן פון מיר? פון דער גא-ט פון די גאנצע וועלט האבן ענק געגעסן! דאנקט און לויבט דעם באשעפער שאמר והיה העולם".

**רבי מרדכי ראטשטיין** א דיין אין האלמין האט צוגעלייגט און געטייטשט די ווארט 'לויה' אויף א אנדערע וועג: אין זוהר הקדוש ווערט געברענגט (ראה עקב רעא א) דער וואס בענטשט ברכת המזון מיט כוונה, ווען עס קומט די צייט און ער געזעגנט זיך פון דער וועלט באגלייטן אים זיינע ברכות און רופן אויס אויף אים אז ער האט געזאגט ברכות פאר הקב"ה מיט כוונה. ווייל אברהם אבינו האט מחנך געווען זיינע געסט צו בענטשן אויף די עסן, האט ער זיי מזכה געווען מיט ברכות וואס וועלן זיי באגלייטן נאך זייער פטירה פון דער וועלט.

'בית ועד לחכמים'

וויאזוי קען זיין אז די תפילה פון אברהם אויף די פינף שטעט אין 'ככר הירדן' איז נישט אנגענומען געווארן, און די תפילה פון לוט אויף איין שטאט פון זיי, די שטאט צוער, איז יא אנגענומען געווארן?

ערקלערט דער משגיח **רבי יחזקאל לעווינשטיין**:

די כח פון תפילה איז געוואנדן אין די מאס פון כוונה וואס די תפילה ווערט געזאגט. אברהם האט טאקע געדאווענט מיט זיין גאנצע הארץ אויף די רעטענונג פון די פינף שטעט פון כיכר הירדן, און האט זיך זייער אנגעשטרענגט מבטל זיין די שרעקליכע גזירה, אבער זיין תפילה איז נישט געווען אזוי ווי די תפילה פון לוט, ווייל זיין תפילה איז געווען אויף זיך אליין ער זאל דורך דעם קענען געראטעוועט ווערן. און ווייל איינער וואס די צרה באריר איט אים אמת'דיג דאווענט ער מיט כוונה און פון טיפן הארץ מער פון דער וואס דאווענט אויף אנדערע, דעריבער איז זיין תפילה אנגענומען געווארן.

'יד יחזקאל'

### 'כאשר אמר' - אקעגן די מקטרגים

"וה' פָּקַד אֶת שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר וַיַּעַשׂ ה' לְשָׂרָה כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר" (כא א)

וואס וויל די פסוק באטאנען: "כאשר אמר", איז עס דען א חידוש אז הקב"ה האט מקיים געווען וואס ער האט געזאגט?

האדמו"ר **רבי יצחק מווארקא** פלעגט זאגן אז ווען דער אויבערשטער וויל גוט'ס טון די אידן, דערציילט פון פריער זיין רצון, בעפאר די מקטרגים וועלן קומען מיט א טענה אז די אידן זענען נישט ראוי מ'זאל זיי גוט'ס טון. דערנאך וואס דער אויבישטער האט שוין ארויסגעזאגט זיינע רצון, קענען שוין נישט די מקטרגים אפהאלטן, ווייל א ווארט פון ה' ווערט זיכער מקויים. דאס איז אונזער כוונה ווען מיר זאגן ביי די תפילות פון ימים טובים: "כאשר רצית ואמרת לברכנו" - צוליב דעם וואס "רצית" אין אונזער גוט'ס, דעריבער האסטו באלד "אמרת לברכנו", כדי די מקטרגים זאלן נישט קענען פארמיידן.

מיט דעם טייטש האדמו"ר **רבי יעקב אריה מראדזימין** וואס די תורה האט געוואלט באטאנען אין אונזער פסוק: "וה' פקד את שרה", און טראץ וואס דעמאלטס איז אראפגעקומען אויף דער וועלט אזא גרויסע נשמה ווי די נשמה פון יצחק, האבן די מקטרגים נישט געקענט אפהאלטן, "כאשר אמר" - ווייל פון פריער איז שוין אויף דעם געווען א הבטחה (לעיל יח יד): "לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה וּלְשָׂרָה בֵן".

'דברי אבי"ב'

### מ'זאל געדענקען ענטפערן אמן לויט די הלכה

הרב טולידאנו איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע הקפדה מעורר זיין צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. איינמאל ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו דאווענען אין א גרויסע שול האט דער רב באמערקט אז א טייל פון די מתפללים ענטפערן נישט אמן ווי עס דארף צו זיין אויף די חזרת הש"ץ. נאכן דאווענען איז ער ארויפגעקראכן אויף א באנק און פון דארט אין די הייעך האט ער מוסר געזאגט דעם ציבור אויף דעם וואס זיי געבן נישט אכטונג ענטפערן אמן. אויף די פראגע פון זיין אייניקל פארוואס האט ער נישט געקוקט אויף זיין כבוד, האט ער געענטפערט: "איך האב דאך געוואלט זיי זאלן געדענקען די מוסר וואס איך זאג זיי, און ווייל חז"ל זאגן (חולין עה ב) אז יעדע מאדנע זאך געדענקען די מענטשן, איז פארוואס זאל איך קוקן אויף מיין כבוד און נישט אויף די כבוד פון אויבערשטן?!" ('מקבציאל גליון לג עמ' תקלט).



## רבי רפאל ברוך טולידאנו זצ"ל

### י"ח חשון תשל"א

דער גאון רבי רפאל ברוך בן רבי יעקב טולידאנו איז געווען דער רב פון די שטאט מקנאס אין מאראקא. אין יאר תשכ"ג איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין בני ברק. ער איז נפטר געווארן י"ח חשון תשל"א און איז באערדיגט געווארן אין בית החיים נציבי ישיבת פאנאוויזש אין בני ברק.

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# אוצרות אמונים

פותחין לו
שערי גן עדן

## א סעריע ערקלערונגען (ג)

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א וואונדערליכן און ספעציעלן שכר פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און אזוי האבן זיי געזאגט: "אמר ריש לקיש: כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' - "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". אין די פאלגנדע מאמר וועלן מיר צוברענגען נאך א סעריע ערקלערונגען פון די גדולי הדורות איבער די באדייט פון דער שכר, און זיין ספעציעלע פארבינדונג מיט די מצוה פון ענטפערן אמן.

### א בילעט פאר די ערשטע קלאס

די חכמים (שבת קיט ב) האבן אונז מגלה געווען אז מיט א קלייניקייט קען דער מענטש זוכה זיין עס זאלן זיך עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן; דורכ'ן מקפיד זיין אויף די גרינגע מצוה פון ענטפערן אמן איז ער זוכה צו א אריינטריט-קארט צו דער פלאץ וואו ער וועט זוכה זיין צו א קרבת אלוקים וואס איז נישטא נאך אין איר גלייכן. אבער עס זעט אויס אז אסאך פון אונז נעמען נישט אריין אין זיך ריכטיג די וואונדערליכע שכר וואס מ'איז זוכה, און ווערן נישט נתעורר צו ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. מיר קענען עס אביסל ערקלערן מיט די וואונדערליכן משל וואס ווערט געזאגט אין נאמען פון 'חפץ חיים':

א דארפסמאן האט אמאל געדארפט זיין אין די גרויסע שטאט. ער האט זיך געגרייט צושפאנען זיין אלט צובראכענעם וואגן אזוי ווי זיין שטייגער אלע יארן, אבער יעצט האט אים זיין ווייב אפגעהאלטן און דערציילט אז לעצטנס האט מען באנייט א באן וואס פארט פון די דערנעבנדיגע שטעטל ביז צו די גרויסע שטאט, וואס מיט דעם וועט ער קענען אנקומען צו די גרויסע שטאט שנעל און גרינג. אונזער באקאנטער וואס האט ביז יעצט נישט געהערט און געוואוסט פון דער נאמען 'באן', האט געבעטן א קלארן ערקלערונג בעפאר ער איז באאיינפלוסט געווארן אפלאזן זיין וואגן און איז ארויס צו די באן סטאנציע וואס איז געווען אין די דערנעבנדיגע שטאט.

א קורצע צייט נאכדעם איז דער דארפסמאן שוין געשטאנען אין די רייע וואס האט זיך געשלענגלט צו קויפן א בילעט, ווען ער איז אינגאנצן איבערגענומען און אויפגעשטורעמט, אזוי ווי עס פאסיג פאר איינער וואס גייט פארן מיט א באן דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן. ווען עס איז אנגקומען זיין רייע איז ער צוגעגאנגען נענטער, און אויף די פראגע פון וועלכע קלאס וויל ער קויפן א בילעט איז ער שטיל געבליבן, ווייל ער האט אינגאנצן נישט געוואוסט די אונטערשיידן פון די קלאסן. אנשטאט ענטפערן האט ער אויסגעשטרעקט זיין בייטל געלט, און יענער, אן טראכטן צוויי מאל האט אפגעציילט די סומע וואס קאסט די טייערסטע בילעט, אין די ערשטע קלאס.

ווען די טייערע בילעט איז אין זיינע הענט האט זיך דער דארפסמאן געאיילט צו די באן. ער האט נישט געוואוסט וואו צו גיין, און ווען ער האט באמערקט א גרויסע גרופע מענטשן שטופן זיך ביי איינע פון די וואגאנען, האט ער פארשטאנען אז ער דארף זיך אויף שטופן צוזאמען מיט זיי. ער האט זיך אנגעשטרענגט און ארויסגעהאלפן מיט זיינע שטארקע לענדן, אבער עס האט זיך געלוינט ווען עס איז אים געלונגען זיך ארײנשטופן אין די באן און טרעפן א ליידיגע זיץ נעבן איינער וואס איז אויך געווען אנגעטון פשוט'ע קליידער אזוי ווי ער.

דער אויפזעהער איז אריבער פון איין וואגאן צו די צווייטע איבערקומען צו אלע האבן געקויפט בילעטן. אנקומענדיג אין די לעצטע וואגן האבן זיך אלע געאיילט ארויסנעמען די בילעטן, אויך אונזער באקאנטער צווישן זיי. עס זעט אויס אז דער שכן וואס איז געזיצן נעבן אים איז אויך געווען א 'מבין' אזוי ווי ער, און ווען ער האט באמערקט אז די בילעט אין די האנט פונעם דארפסמאן איז אנדערשט פון די בילעטן וואס אנדערע האבן, האט ער אים געווארנט אז עס לוינט אים ער זאל זיך ערגעץ וואו באהאלטן, בעפאר דער אויפזעהער וועט אים פארשיקן פון די וואגאן.

הערנדיג די ווערטער איז דער דארפסמאן דערשראקן געווארן און האט זיך באלד אראפגעבויגן און אריינגעשטופט אונטערן באנק טראכטנדיג אז די אויגן פונעם אויפזעהער וועלן אים נישט באמערקן. אבער אין די צייט וואס ער שטופט זיך צוזאם האט מען פלוצלינג געהערט א שטארקע זעץ. צו זיין שלעכטן מזל איז עס נישט געווען קיין אנדערער וואו דער אויפזעהער, וואס האט זיך אנגעשטויסן אין זיינע פוס, און איז אראפגעפאלן און זיך צוקלאפט. ווען עס איז אים געלונגען זיך צו אויפהייבן, האט ער באלד ארויסגעשלעפט דעם דארפסמאן פון זיין באהעלטעניש ווען ער ברענט אינגאנצן פון צארן: "וואו איז דיין בילעט?!" - האט ער געפרעגט אויפגערעגטערהייט.

דער דארפסמאן האט געזוכט אין זיינע טאשן און מיט גרויס ציטער האט ער ארויסגענומען זיין צוקנייטשטן בילעט. יעצט האט זיך געטוישט די צארן פונעם אויפזעהער אויף בליקן פון רחמנות און געלעכטער, ער האט זיך געוואונדערט אויפן נארישן דארפסמאן און זיך אנגערופן צו אים מיט שפאס: "שוטה שבעולם, דו האסט דאך א בילעט פון די שיינע און באקוועמע ערשטע-קלאס, די וועג איז אפן פאר דיר צו די מכובד'יגסן פלאץ, און אנשטאט דעם האסטו דיך געזעצט אין א ביליגן קלאס, און אויב דאס איז נישט גענוג, האסטו זיך אויך אריינגעשטופט אונטערן באנק צו ווערן צושטויסן פון די פוס פון די וואס זיצן דא?!"

און די מוסר וואס מיר דארפן זיך לערנען פון דעם; יעדער פון אונז האט א אריינטריט-קארט צו די ערשטע קלאס, און פון אונז פאדערט זיך מיר זאלן נישט זיין ווי יענער דארפסמאן וואס פארשטייט נישט די וואונדערליכע מתנה וואס ער האלט אין זיינע הענט. מיר דארפן האלטן טייער די מתנה, וואס עפענט פאר אונז די טויערן פון גן עדן, און זיך משתדל זיין ענטפערן אמן ביי יעדע געלעגנהייט וואס מאכט זיך פאר אונז ('נוטרי אמן' ח"א עמ' מט).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די באצאלט וואס דער זיידע האט געבעטן פון זיין אייניקל

א געוואלדיגער איבערגעגעבענער אויף תורה און יראת שמים איז געווען דער צדיק רבי רפאל ברוך טולידאנו זצ"ל, דער וואס האט געדינט אין לויף פון צענדליגער יארן אלץ דער געשעצטער רב פון די שטאט מקנאס אין מאראקא, און אין זיינע שפעטערדיגע יארן איז ער ארויף קיין ארץ הקודש.

זייענדיג דער רב אין מקנאס האט ער געארבעט אן קיין מידעקייט צו באשיצן זיין באקרוינטע קהילה פון די שווערד פון די 'השכלה' וואס אין יענע יארן האט זיך עס פארשפרייט פון די לענדער פון אייראפא וועלנדיג אפשניידן די שיינקייט פון אידישקייט אין צפון אפריקא און דערנידערן איר רוחניות'דיגן צושטאנד ביז צום טיפן אפגרונד רחמנא ליצלן. כדי צו פארמיידן אט די שלעכטע השפעות, האט רבי רפאל ברוך אויפגעשטעלט פארצווייגטע מוסדות חינוך וואס האבן אין זיך אריינגערעכנט א תלמוד תורה, א מיידל שולע און א ישיבה, דאס זעלבע האט ער געגרינדערט ארגאניזאציעס פון הילף אין יעדע געביט וואס פעלט זיך אויס פאר די קהילה מיטגלידער.

רבי רפאל ברוך איז ספעציעל באקאנט געווען מיט זיין אויסערגעווענליכע ליבשאפט צו תורה וואס ער האט פארמאגט אין זיך, אזוי ווי עס זאגט עדות אויף דעם זיין באקאנטן פיוט "אשורר שירה לכבוד התורה...", ווען יעדער וואס זעהט עס, זעהט אז די ווערטער זענען ארויס געקומען פון א ריינע הארץ וואס איז אנגעזאפט מיט אהבת תורה. צוליב דעם האט ער געארבעט אן קיין מידעקייט צווישן זיינע צוהערהער זיי איבער צורעדן זיי זאלן שיקן זייערע קינדער צו די הייליגע ישיבות, און דורך דעם האט ער מצליח געווען צו ראטעווען זייער אסאך נשמות פון צו אריינפאלן אין טיפן אפגרונד.

אויך זיינע קינדער האט ער מחנך געווען אויף דעם וועג פון אהבת תורה אן קיין פשרות, און זייער יוגנט האט ער אויסגעוועלט פאר זיי די בעסטע מלמדים, און נאכדעם האט ער געזארגט זיי שיקן אויסער די גרעניצן פון די לאנד מאראקא צו די גוטע ישיבות אין ארץ ישראל.

אין זיינע שפעטערדיגע יארן איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין די שטאט בני ברק. זיינע טעג אין ארץ הקודש זענען געווען אנגעפילט מיט תורה און חסד. כאטש זיין טיפן עלטער פלעגט ער וואנדערן פון איין שטעטל צו די צווייטע און צושפרייטן דעם דבר ה' צווישן די פעלד ארבערטער. אין זיינע שמועסן פלעגט ער שטארק מחזק זיין די ענין פון תפילה און ענטפערן אמן, ווען ער האט מעורר געווען אויף דער ענין האט ער איגאנצן נישט געקוקט אויף זיין כבוד און זיינע שוואכן כח, אקעגן זיינע אויגן איז געשטאנען נאר די איין ציל - מחזק כלל ישראל אין די ענינים וואס זענען ברומו של עולם.

עס דערציילט זיין אייניקל, הגאון רבי יהושע טולידאנו שליט"א פון ירושלים: "אין מיינע יונגע בחור'ישע יארן האט איך געוואלט אנגענומען ווערן אין די פאנאוויזשע ישיבה אין בני ברק, אבער אנקומענדיג צו די אינטערוויאו ביי די ראשי הישיבה, זענען זיי געצווינגען געווען מיך אפצוזאגן, ווען זיי זאגן מיר אז די דארמיטארי"ס זענען פול, און זיי קענען אויך נישט זארגן אויף עסן פאר מיר, דעריבער קענען זיי נישט אננעמען נאך בחורים.

צוקלאפטערהייט האב איך זיך געוואנדן צו מיין זיידנ'ס הויז, און איך האב אים דערציילט די ענטפער וואס איך האב באקומען. דער זיידע האט געהערט מיינע ווערטער און איז באלד אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און איז ארויס צום שטוב פונעם פאנאוויזשער רב זצ"ל.

'אויב די פראבלעם איז ווייל עס איז נישטא קיין פלאץ צו שלאפן און עסן, בין איך גרייט צו נעמען אויף מיר די עול, ביי מיר וועט דער בחור שלאפן, פון מיין ברויט וועט ער עסן און פון מיין וואסער וועט ער טרינקען, די עיקר איז ער זאל קענען זיך פלייסן אין זיינע לערענונגען און שטייגן אין ענקער ישיבה!' - האט געזאגט דער זיידע פארן ראש ישיבה מיט א פעסטקייט.

ווען דער זיידע איז צוריק צו זיין שטוב האב איך זיך געפרייד צו הערן פון זיין מויל אז דער פאנאוויזשער רב זצ"ל האט אנגענומען זיין געבעהט מיט די באדינגונג אז אלע מיינע גשמיות'דיגע געברויכן וועט ער זארגן פאר מיר.

איך האב זיך צוריקגעקערט צו די הויז פון מיינע עלטערן מיט פרייד, איך האב גענומען מיינע זאכן, און איך האב זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין בני ברק. גלייך נאך ווען מיין זיידע און באבע האבן מיך אויפגענומען מיט פריינדשאפט, איז די געזיכט פון מיין זיידע ערנסט געווארן און האט מיר געזאגט: 'זאלסט וויסן מיין טייערער אייניקל, אין די שטוב איז נישטא קיין עסן אומזינסט, דו וועסט דארפן באצאהלן א טייערן פרייז!'

איך בין זייער פארוואונדערט געווארן צו הערן די רייד, אבער מיין זיידע האט פארגעזעצט און ערקלערט: 'דאס איינשטיין אין די שטוב איז אנגעהאנגען אז די געסט דארפן שטענדיג אכטונג געבן נישט זאגן א ברכה אויב ס'איז נישטא ווער ס'זאל ענטפערן אמן, אויך דארפן זיי אכטונג געבן ענטפערן אמן אויף מיינע ברכות'.

פארשטייט זיך, אז איך האב באלד צוגעשטימט צו דעם מיט פרייד, און פון יענעם טאג און ווייטער האב איך זוכה געווען ענטפערן יעדן טאג צענדליגע אמן'ס נאך די ברכות פון דער זיידע און די באבע, און איך האב אויך זוכה געווען אז מיינע ברכות זענען געענטפערט געווארן דורך זיי.

איך וויל אנצייכענען אז די אופן וויאזוי מיין זיידע האט געזאגט די ברכות איז געווען ברייט באקאנט. קיינמאל האט ער נישט געזאגט א ברכה אן טראכטן - בהיסח הדעת. ווען ער האט געדארפט זאגן א ברכה האט ער שטענדיג מקפיד געווען עס זאל זיצנדיג, געלאסן און שטאט. ספעציעל געדענק איך ווי איך פלעגט זיך אויפוועקן יעדע נאכט הערן די ברכות השחר.

זאגן די ברכות השחר איז געווען ביי מיין זיידע א גאנצע 'עבודה' און עס האט גדויערט לאנגען מינוטן. דער זיידע האט זיך אויפגעוועקט אין די צייט וואס אנדערע זענען געגאנגען שלאפן, און באלד נאכן זיך וואשן די הענט, האט ער זיך געשטעלט זאגן די ברכות השחר, ווען איך הער זיך צו פון מיין צימער און ענטפער אמן. יעדער ברכה איז עקסטער געווען חשוב. צווישן יעדע ברכה האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ מיט פארשידענע בקשות וואס זענען פאסיג צו די ברכה וואס ער האט יעצט געזאגט, אויף זיין משפחה און אויף כלל ישראל".

א אנדערער אייניקל שליט"א לייגט צו:

אויך די באבע ע"ה וואס האט זוכה געווען צו אריכות ימים כמעט ביז די הונדערט יאר, האט שטארק מקפיד געווען אויף דעם מנהג, און אויך אין אירע עלטערע יארן ווען זי איז זייער שוואך געווארן, האט זי אכטונג געגעבן אז יעדן טאג זאלן קומען צו איר עטליכע אייניקלעך, און בעפאר זיי זענען ארויס צו די ישיבה זאלן זיי זאגן פאר איר די ברכות השחר כדי זי זאל עטפערן אויף זיי אמן, און זיי זאלן אויך צוהערן און ענטפערן אמן אויף אירע ברכות.

אין אירע לעצטע טעג, ווען זי האט שוין כמעט נישט געקענט רעדן, האט זי געבעטן פון אירע אייניקלעך זיי זאלן זיך ווייטער פלייסן אין דער מנהג, און אויך האבנדיג ביטערע יסורים האט זי אכטונג געגעבן צו ענטפערן שטילערהייט אמן נאך זייערע ברכות.

אזוי איז געווען די וועג פון די גרויסע מענטשן צו מחנך זיין זייערע קינדער צו א ריינע אמונה, הלואי זאלן מיר אויך זוכה זיין זיך אפצולערנען פון זייערע וועגן.

געהערט פון דער בעל המעשה

עיצובים shay